STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02911

ALEYN

Moyshe Steingart

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שטיינגארט

אליין

אַרויסגעגעבן פֿון
פ אַ ר ל אַ ג
ט י נ ט א ו ן פ ע ד ע ר
טאָראָנטאָ, קאַנאַדע

משה שטיינגאַרט

אַ ל י י ן
ל י ד ע ר

ניו-יאָרק, אלול, תש״י — סעפּטעמבער, 1950

שער־בלאַט געצייכנט פֿון
מאָטל ווייס

געדרוקט אין דער
פּאַמער פּאַבלישינג און פּרינטינג קאָ.
גרשון פּאַמעראַנץ, אייגנטימער
206 ספּעדיינע עוועניו ★ טאָראָנטאָ, קאַנאַדע
36

אַליין

ראָמאַנטיק

איך קום נישט צו דיר —
מיט פֿינגער פֿולע צאַרטקייט.
מײַנע פֿינגער זענען קורץ און דיק.
אין מײַנע אויגן דרימלט נאָך אַ שלאָף
וואָס מײַן מאַמע האָט באָם גראָשיק ליכטל נישט דערוויגט.

איך קום נישט צו דיר —
מיט שמייכל אויף אָפֿענע ליפּן,
דיך פֿאַרוויגן מיט לעגענדעס
פֿון צויבער שטראַלנדיקע שלעסער
וואָס באָדן זיך אין לבנה־ליכט
פֿון יענער אויסגעטראַכטער בלויער בלום.

איך קום נישט צערטלען דײַנע האָר
וואָס זענען קיינמאָל בלאָנד נישט געווען.
נישט קוקן אין דײַנע טויאיקע אויגן
וואָס זענען קיינמאָל בלוי נישט געווען.
איך קום דיר בלויז אַ קוש געבן —
אַ גוטע נאַכט זאָגן. און נישט זײַן.

אַלצאַיינס

איך בין אַ קינד פֿון מיין צייט.
איך צאַם דעם אור־וואַלד
אין מיין צעטרייסלטן אינעווייניק.
קאַלט. באַזונדער. מיט קילן שמייכל
אויף שאַרפֿן צעטייל פֿון שטרענגע ליפּן,
זידט אין מיר דער ברויז פֿון
צעוואונדיקטע נעכט נאָך שווערער שלאַכט
ווען רעמענענץ ווייזט אויסגערונדטן, טאָטאַלן, פֿאַרלוסט.

איך בין אינהאַלט פֿון האַרבן וואָרט
און חלום פֿלאַטערנדיקן זאַץ —
ווער וועט דערשפּירן דאָס קאָכיק בלוט
פֿון שטאָר פֿאַרחלומטן שווייגער ?

מיין וועג איז טיפֿער, איינזאַמער, באַזונדער.
איך טו זיך אָפּ פֿון דיר
ווען דו ווילסט מיר נאָענט ווערן.
אין אור־צעטייל פֿון מיינע בלויע ליפּן
האָב איך אַ זיוג מיט טויט געשלאָסן.
אויב איך ווער דיר שווער
פֿאַרמאַך דעם שטרענגן טאָוול.
אין אונדזער אַליינזאַמען צעשייד
זענען מיר אַלצאַיינס געצווינגען נאָענט,
אַלצאַיינס געצווינגען דערהערט.

אַ פֿלאַם

ס׳איז מיין האַרץ אַ פֿלאַם
ווען איך וואַרעם מיך אָן.
זענען אין מיינע אויגן פֿייערן אויפֿגעגאַנגען,
האָב איך צעצונדן מיינע ווענט
און ווי אַ קינד —
געלאָזט זיך טאַנצן מיט צעלאָזטע הענט,
ביז די פֿונקען האָבן דעם הימל דערגרייכט.
און אַ וואונדער איז געשען:
ס׳איז אַ יעדער פֿונק —
אַ שטערן אין דער נאַכט געוואָרן.

אַ טאַנץ־זאַל

ס'הוידן זיך פּיס אויף גליטשיקע דילן
און ס'צעזינגט זיך די חכמה פֿון זילבערנע שיך,
ס'ווינטלען זיך קליידער אין שאָטנדיק ליכט
דעם טאָגיקן איינזאַם צו שטילן.

בייגן זיך טאַליעס צום טאַקט פֿון מוזיק.
שימערן די אויגן אין גייציקער מי.
פֿאַלירטע דילן שפּרינגען צוריק
צו צעצונדענע פֿנימער אין פּיסיקן פֿלי.

שאַלט. שרייט. און ס'קלאַפּט —
ווער אויף אַ פֿידל, ווער אויף אַ פֿלייט,
וועלטן ווערן דאָ אין שטיקער צעכאַפּט
צעטראָגן. צעווייכערט. צעזייט.

ווערט געשטילט טרומפּייטס געשריי
צעציט זיך איעדער לאַנגזאַם און פֿויל.
מיט נישט קיין וואָרט און נישט קיין קול
צעגייט זיך איעדער מיט זיין געוויי.

דאָס ליד פֿון אייביקער שעה

כ׳האָב דיך געזען אין שפּיגל פֿון מיין לייב
און כ׳זע זיך אין דעם שפּיגל —
דורך דעם חלום פֿון מיינע אויגן.
דאָס ליכט, וואָס דו שפּרייטסט אַרום מיר
טריפֿט מיט טראָפּנס לאַנג געאַנטן לויטער —
מיט טראָפּנס פֿון לעצטער, שטילער אויפֿלייזונג.

אַ, כ׳האָב אַ סך, אַ סך, געמינערט דיין געשטאַלט
דורכשפּאַצירנדיק דעם גאַרטן פֿון דער וועלט.
האָסט אַ פֿורעם פֿון רו און גאַנצקייט
אויף מיר אויסגעקריצט. אַצינד,
אין ליד פֿון אייביקער שעה —
גיב איך אַ צעבראָכענעם דיר אָפּ.

דער ים זינגט דאָס ליד פֿון נאַכט.
שוימט די כוואַליעס מיט אימפּעטיקן ריטם צום ברעג.
אַ בליק. דער ברעג איז פֿאַרשלונגען, פֿאַרטרונקען,
און ס׳שיפּט זיך די וועלט אויף שפּיציקער ווייסקייט —
אין אויפֿגעגאַנגענעם קלאַנג פֿון אַ שפּילנדיקן טייך.

ס׳ברעכן זיך שיפֿן אַרום האָריזאָנטן און כ׳הער נישט.
ס׳רעדט די נאַכט מיט שטילקייט
צום אָוונט פֿון מיינע שויבן.
אויגן לאָקערן מיט נישט דערפֿולטער פֿולקייט
מיט נאָך, און נאָך, און נאָך און איך גיב זיך אָפּ
דעם דינעם פֿלוס אין מיר, דעם פֿלוס פֿון נאַכט.

דו, וואָס האָסט מיך געגעבן דעם כּוח צו ראַנגלען
מיט דעם אייביקן סוד פֿון טאָג און נאַכט,
וועסט אויסלעשן מיינע אויגן —
מיט אַ לעצטן בליק אין גאָרנישט אַריין.
און איך וועל זיך דיר באַווייזן
מיט דעם נישט דערלאָשענעם פֿלאַם וואָס הויערט
אַרום ברעג פֿון מיין צאַפּלדיקער ליפּ.

און פֿאַרשטילן וועסטו מיך מיט לעצטן וויג־ליד.
זינגען וועסטו מיך פֿון אייביקן ראָד וואָס דרייט זיך
אַריבער די דעכער פֿון צייט און טויט.
אַריבער די ליכטער וואָס פֿלעמלען אין געלאָקער
פֿון מיינע נישט געזעטיקטע אויגן.

און קומען וועל איך צו דיר מיט ליידיקע אָרעמס.
מיט געלע פֿינגער פֿון אָפּגעגאַנגענעם בלוט.
און דו וועסט צונעמען מיין פֿאַרגיין
ווי אין בראָנז אַן אונטערגעגאַנגענע זון.

דאָס ליד פֿון פֿורעמלאָזן

דער טאָג האָט פֿון צופֿיל ליכט געפּלאַצט.
די זון איז אין רעגן טראָפּנס צעקרישלט.
כ׳פֿאַרמאַך מיינע אויגן. ס׳ווערט נאַכט.
גאָט. באַשירם מיך פֿון אונטערגאַנג
וואָס לאָקערט פֿון געוויינלעכע טעג.

ס׳איז היינט אַזאַ נאַכט —
ווען ווערטער ווערן אין זילבן צערינען.
דער הימל אין מאַנטל פֿון לויטער
טריפֿט מיט שטילקייט, מיט אַליינקייט, מיט אויפֿלייז.
כ׳פֿיל אַ פֿורעמלאָזע האַנט שרייבן דעם לעצטן פּלוס
איבער מיינע שאָטנדיק אויסגעצויגענע הענט.

ס׳איז היינט אַזאַ נאַכט —
ווען טייכן זינגען דאָס ליד פֿון אומענדלעכקייט.
איך הער דיין קול אין שטילן גענידער
פֿון מיינע נאָך שטילערע ווענט.
כ׳זע דיך שפּאַנען מיט ווינט אין די אָרעמס
און דיינע פֿלינקע שפּרייז —
אין געשאָרך פֿון אָקטאָבערדיקע בלעטער.

אין אַזאַ נאַכט —
זינגסטו שטענדיק פֿון אייביקן איבערגאַנג
וואָס אַנטפּלעקט דעם סוד פֿון פֿאַרלוירענע האָריזאָנטן.
העלסט ווידער אויף אין לעצטן אומזיניקן געצאַנק
פֿון נישט געוועזענעם, אויסגעלאָזטן חלום.
קום. צעבלאָז דעם שטויב פֿון מײַנע געוויינלעכע טעג.
לאָז צערינען מײַן אויסגעקרומטן פֿורעם
וואָס האָט דעם טויט פֿון געוויינלעכער טאָג־טעגלעכקייט
נישט געוואָלט אַריבערשפּרייזן.

דאָ איז בלויז וואויל דעם —
וואָס וויגט זיך אויף הוידנדיקע וואַלן
פֿון געוויינלעכן לבנה־ליכט.
דאָ איז אַלץ מיט ווינטער אויפֿגעקומען.
דאָ זינגט מען דאָס ליד פֿון טויטלעכסטן טויט.

קום. לאָמיר גיין, דו און איך.
מײַנע פֿיס ברעכן זיך אין לעצטן ווידערשטאַנד
צו דער ליידיקייט פֿון אויסגעקליגלטע צייכנס.
אונדזער געוויינלעך איז טויטלעכער ווי טויט.
זיי דו דער גרויסער מאַגיקער פֿאַר מיר,
גיב אַ לעצטן בליץ מיט דײַן וואונדערלעכסטן ליכט
איידער ס'פֿאַרשליסן זיך מײַנע קריגערישע אויגן,
איידער דו פֿאַרהילסט מיך אין דײַן אייביקער נאַכט.

שטאָט

טאָג טונקלט צווישן שטאָטישע מויערן.
דער הימל — אַ מיראַזש פֿון בערג אין דער ווייט.
ליכט פֿון הוידנדיקע שילדן —
צעוויגן טראָפּנדיקע בליקן אין מיינע אויגן.
נאַכט גייט אויף שנעל איבער שטאָטישע שוועלן.
אימפּעט צעיאָגט דעם טונקל איבער געקעסטלטע שויבן.
מענער אין אָפֿענע העמדער —
שנירלען רויך פֿון זשאַרנדיקע ליולקעס
אויף שטיינערנע בענק אין בולוואַרן.
אויטאָס קריצן דעם אימפּעט אויף וועגן
פֿון לאַנג געפֿאַלענע רייטער וואָס גליווערן
אין סטאַטועס אין נאַכטיקע פּאַרקן.

די שטאָט איז אָפֿן און אַליין.
כ׳שטיי ביים ראָג, זע ווי טונקל —
איינגעהילט אין טויזנט צאָליקע שלייערן
איז דער נעפּל פֿון אונדזער אַלעמענס דורכזיכט.

שטאָטישע גאַסן זענען ווייט.
זינלאָז פּוסטעווען שוועלן פֿון שטרענג פֿאַרמאַכטע טירן.
דאָס אויג מוז זיין געניט אין ברייט פֿון אַלייען.
געהיט איז איעדער טראָט —
ווי אַרום ברעגן פֿון אָפּגרונט.

דער טויט האָט ברייטע פֿליגל —
אין גלאַנצנדיקע ליכטער פֿון רויט און גרין.
אַצינד, ווען כ׳האָב דיך שטאָט
אַזוי ליכטיק דערקענט —
וויל איך אַרומנעמען דיין ווינקענדיקע נאַענטקייט,
דיינע עלעגאַנט, אויסגעווירעטע טריט,
דערזע איך דיר אַ ים די גרייס.
און איך, אַ שיפֿל אַן רודער
מיט אַנקער פֿון באַרטן אָפּגעריסן.

חבר סטאַכאַנאָוו דערציילט

זשיראַנדן צעפּינקלען פּייערן אין זיינע בלויע אויגן.
די ווענט רעדן מיט סלאַווישן אומעט פון אַ טיפן שווייגן.
ס׳טאָגט די פרייד האַלב צעלויכטן, געמיטלעך, פּראָסט, שטיל.
ער דערציילט די לעגענדע פון צעשפּינטער, נעפּלדיקער וואָר
און ס׳ליכטיקט אַ שמייכל פון מאַרקס באַגילדעטער ראָם.

— רוסלאַנד געריפּט אין רייפן פון שטאָל
מאָרגנט־אויס דעם וואונדער פון אָפּגעגאַנגענער נאַכט
וואָס איז אין גרייס פון סטעפּעס אומגעקומען.
אונדזערע טעג — ווייסע פאָנען אין זון־אויפגאַנג
צעגיסן גאָלד אין פולע עמער.
אַזאַ שפע אין רייפע, ברייטע הענט
ווי פאַסמעס זון אין אַ שפּילנדיקן טייך.

ס׳פּלאַצן מיט רייפקייט אונדזערע סטויגן
וואָס זענען מיד פון צופיל זון
און רייסן זיך צום שאָטן פון קילן שייער.
סטאַכאַנאָווס הענט זענען סלאַווישע, ברייטע,
וואָס קאָנען ימען אין הויפנס צעשעפן
און שפּרייען דעם טוי איבער גאָרער ערד.

סטאַכאַנאָוו דערציילט —
און ס'ליכטיקט אַ שמייכל פֿון מאַרקס באַגילדעטער ראָם.

נאַכט, לבֿנה, האָבן זיך אין אַ וואָלקן פֿאַרלוירן.
די וויעס רייסן זיך פֿאַרדעקן זיינע בלויע אויגן.
סטאַכאַנאָוו ציט אַהיים.
די מידקייט הענגט ווי אַ האָרב אויף די פּלייצעס.
— איז די וואָר אַזוי האַפּטיק,
ווי מיינע בלויע אויגן האָבן זי צעצונדן ?
און די מידקייט, וואָס הענגט איבער מיר,
ווי ביים שיכּור דער קאָפּ —
האָט אַ הינקענדיק בעט, וואָס קאָן די שווערקייט
פֿון ביידע פֿיס נישט דערהאַלטן —
איז וואו זענען די ימים,
וואָס כ'קאָן אין מיינע פֿויסטן צעשעפּן ?

סטאַכאַנאָוו פֿרעגט —
און ס'טונקלט דער שמייכל פֿון מאַרקס באַגילדעטער ראָם.

קוימענס גנעניצן וואַלן רויך אין פֿאַרבלאָזן הימל
וואָס הענגט אויף שפּיץ פֿון זיין געפֿאַלענעם דאַך.
די נאַכט איז שטיל. ס'שלאָפֿן אַלע שויבן.
סטאַכאַנאָוו ציט אַהיים —
און פֿאַרלאָשן ווערן די פֿייערלעך פֿון מאַרקס באַגילדעטער ראָם.

מיר

מיר זענען די שטרוי־זעק פֿון אַ רייף פֿאַרשניטן פֿעלד.
דער עכאָ פֿון אַ נאָכגעלאָזטן בויגן.
מיר צילן אונדזער ווילן אין אייביק אַריין
און אונדזער דויער, איז נעפּל פֿון באַהויכטער שויב.

נאָר דו באַזינסט מיט זין אונדזער אַלעמענס אומזין.

מיר זינגען לידער פֿון טויטע לעבנס
און פֿאַרפֿילדערן דיין געזאַנג מיט אויסגעטראַכטער פֿרייד.
מיר נערן זיך אויף אומזעטיקן הונגער
און לעסטערן דיין נאָמען מיט תּמימותדיקע רייד.

נאָר דו באַזינסט מיט זין אונדזער אַלעמענס אומזין.

מיר גלייבן אין אומגלויבן פֿון פֿאַרהוילענעם גאַרנישט.
מיר פֿלאַסטערן אַלע וועגן פֿון אייגענער פֿאַרלענדונג.
און דער גרעסטער אומזין זענען מיר —
אין פֿרוכפּערן אונדזער געלעסטער קעגן דיר, אָ, מיין גאָט.

אַ חלום

א

ליכט פֿון זשיראַנדן צעוויגט שאָטנס
אין צווייגן, אין ביימער,
אין נאַכטיקן טונקל, וואָס הויערט
אויף דיקן סאַמעט פֿון זיינע שויבן.
און ער, עלטער ווי וואַלד, עלטער ווי בוים
אין לאַנגן עשאַלאָן פֿון טעג —
נעמט דעם ווינט אונטער אָרעמס
און שפּאַנט מיט רעגן, מיט וואָלקן, מיט טונקל
אַוועק צום ווייט פֿון נעכטן,
צום ווייט פֿון לאַנגן לאַנג.
ער זעט אַ ביידל מיט שיפֿן דאַך פֿון שטרוי
הענגען איבער שיקלדיקע שויבן.
זון צעוואָרפֿן איבער בלאַנדן גלאַנץ פֿון פּולע, רייפֿע קאָרן.
אַ וועג, וואָס צעטיילט פֿעלד און וואַלד,
ווי אַ ליכט־פּאַס אין שווערן פֿינצטער
פֿון וואַנדערער אין דיקער נאַכט.
זיינע טריט מעקן דעם דויער פֿון טעג
און דער וועג ציט ווייטער אין פֿאָרויס.

ב

אַ שטוב מיט פֿענצטער גראָדע הינטער שאָטן
פֿון אַ ברייט פֿאַרצווייגטן בוים.
בענק דריי־פֿוסיקע, מיט אַ טיש פֿאַרטריפֿטן חלב.
אַ זקן מיט אויגן פֿון גלאָז
טרערט־אויס דעם ניגון פֿון פֿאַרגעלטן פּאַרמעט.
דאָס געזאַנג איז שטיל.
די ווייט הערט אויס דאָס ליד פֿון אייביקן טאָג,
וואָס טונקלט און טונקלט און קאָן נישט נאַכט ווערן.
דאָס ליד איז אַלט. עלטער פֿון מעסער־שניט,
וואָס בלאַנקט אין טעמפּן זילבער איבער רויטע פֿלעקן,
וואָס קאָנען דעם שאַרף פֿון מעסער נישט אָפּשניידן.
און דאָך, דאָס ליד גייט אויף.
און די ווייט הערט זיך איין —
ווי דער ווינט צעטראָגט דאָס געזאַנג
איבער הוילע שטעגן פֿון גאָרער ערד.
דער פּאַרמעט איז דין. די שריפֿט איז דיק.
דער זקן אין מאַנטל פֿון פּאַסן שוואַרץ און ווייס.
זיין לבנהדיקע באָרד. זיינע צעלויכטענע אויגן
דערציילן פֿון אַ מאָרגן, וואָס וועט בלוי ווערן
פֿון אַ לאַכיקן באַגין איבער גאָלד פֿון זון.
די ווייט איז שטיל. דער ווינט איז מילד.
און דער וועג ציט ווייטער אין פֿאָרויס.

ג

דער חלום שטייגט אין ווייט פֿון הייכן.
אויף אַ לייטער קלעטערט די נאַכט.
ער זעט אַ בײדל פֿון סכך מיט גאָלדענעם בלענד פֿון קאָרן.
אַ מיידל מיט טרויבן — אויגן ביים ברונעם,
מיט רייץ פֿון בלאָנדן באַגין
אויף אירע האַלב־דרימלענדיקע אויגן.
ס'שווימט איר געזיכט אין רונדער ראַם פֿון וואַסער,
וואָס שיסט מיט זון אַרויף, אַרויף אין העט פֿון הימלען.
די פלאַמען פֿון אירע באַקן רויטלען זיך אין טאַגיקן דורשט
אין בלויען וואונק פֿון באַגין.
דער חלום שטייגט אויף שטאַפּלען פֿון אַ לייטער
אַריבער די הויכן פֿון זיינע אָוונטיק, מידע אויגן.
דער הימל לויכט־אויף אין אַ גרויסן בלאָט פֿון פּאַרמעט.
די שטערן ווערן פֿייערדיקע צייכנס, זילבן און ווערטער
די ווייטערע טריט פֿון איר גאַנג צו לייענען.
ס'פֿלאַמען זיינע באַקן.
פֿאַרויס לויפֿט זיין חלום, וואָס ווערט באַלד וואָר ווערן.
זי, מיט יידישן חן, מיט צוק פֿון מיידל
אַרום אירע שמייכלענדיקע ליפּן,
טראָגט צוויי עמער פֿולע אַנטקעגן דעם דורשט פֿון זיין חלום.
די נאַכט ווערט דינער, אַ ווינטל אָטעמט שלאָף און מיד
און דער וועג ציט ווייטער אין פֿאַרויס.

ד

ער זעט אַ מאַרק מיט סלופּעס ווי זעלנער אין פּאַראַד.
שטריק פאַרפּלאָכטן אין רעדער שטייען אין אַ ראַם פון פייער.
ריטער קנאַקן מיט פונקען פון פוילער נעץ,
וואָס גייט אויף פון נישט דעררייפטע צווייגן.
דאָס פייער ווערט העלער, ליכטיקער אין בראַנד פון זון
און ווערט אַ סימפאָניע —
מיט טענער פון בייטשן און שרפהנדיקן פאַרמעט,
וואָס וואַלקנט דעם הימל אין געמישטן בלוי און דיקן שוואַרץ.
און יידן, וואָס שטאַרבן מיט גלעזערנע אויגן
מיט גאָטס נאָמען האַלב דערפּליסטערט.
אין געלעכטער פון פייער —
וואָס שטעלט צונגען דעם מיטן טאָג אַרויס.
רעדער צעפירן פולע וועגן טויט צום מאַרק.
אַ, ווי ער וואָלט די אויגן פאַרמאַכן.
נאָר דער חלום שטייגט אויף בלינדע שטאַפּלען
פון אַ נישט־געזעענעם לייטער
און לאָזט די וויעס נישט פאַלן אין צעהעלטן ליכט פון שייטער,
וואָס גייט־אויף אין זאַלציקן רויך פון מענטשלעכן לייב,
וואָס ברענט און ברענט און קאָן נישט פאַרברענט ווערן.
דער ווינט איז שטאַרק. דער טאָג ווערט בלינד
און דער וועג ציט ווייטער אין פאָרויס.

ה

די זון צערינט אין שימער פֿון טויען,
וואָס הענגען אויף צווייגן, בלעטער און גראָזן.
ס׳לאַכט דער טאָל, דער באַרג איבער פליינען
און ס׳לאַכט די וועלט אין גרין פֿון פֿרימאָרגן.
ער זעט אַ קאַראַוואַן גרייכן אין זיין חלומדיקן ווייט.
מענער, ווייבער און קינד —
מיט ציגן, מיט קי, מיט רינד און שאָף.
רעדער, וואָס קרעכצן —
אונטער שווערע אַקסן אויף הויקערדיקע וועגן.
שליאַכן ציען אין דער ווייט פֿון מאָרגן,
וואָס איז געקומען מיט אַנזאָג.
ער שפּאַנט מיט שליאַך די לענג, מיט וועג די ווייט.
גוט איז אים שפּאַנען און מעסטן די שפּרייז
פֿון זיידעס, וואָס האָבן זייערע טריט אין ווייסן זאַמד
פֿון זון און מדבר, אין ווייט פֿון נעכטנס פֿאַרלוירן.
דער חלום קלעטערט ווייט און הויך —
אַז די ערד, ביימער און גראָזן זענען אים מקנא.
אין דעם ווייט פֿון זיין שפּרייז
אין שטענדיק פֿון זיין שפּאַן
ליגט זיין כּוח. אין קאַראַוואַן זיין גבורה,
וואָס גייט אין שטענדיקן ווידעראַנאַנד
מיט זיינע רינד און שאָף, מיט זיינע פֿערד און קי,
מיט זיינע לאָמען און ציגן
איבער לעצטער לענג פֿון זיין אַפּגעלאָפּענעם וועג.

פֿון דער
נאַכט אַרויס

נאָוועמבער 1938

כ׳האָב מיין טיר היינט אויף לעצטן ריגל פֿאַרמאַכט.
די שפּיגלען מיט וואַנט פֿאַרהאָנגען.
און אַ ליכט צו מיינע טעג אָנגעצונדן.
אַ וויסטע בשורה האָט מיך היינט דערווישט:
די „בלאָנדע בעסטיע״ איז פֿון וואַלד אַרויס
און מיין פֿאָלק איז צו הפקר געבליבן.

גלייך פֿרי האָב איך אָן עמער וואַסער
פֿאַר מיין שוועל אַרויסגעשטעלט. אַז די לעצטע
מענטשן, וואָס זענען אין דיין סדום פֿאַרבליבן
זאָלן די הענט פֿון דיר מיין טויטע וועלט
זיך אָפּוואַשן. און דעם לעצטן קדיש
נאָך דיר מיט קאַלט געמיט אָפּזאָגן.

איבער מיר הענגט אָן איבערגעקערטער הימל
מיט זון און שטערן פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן אין קאַפּויר
איך שפּיר דעם שוידער פֿון אייער צעטרייסלונג.
איך בין דאָך דער ערשטער טרעגער פֿון אַלע אייערע האַסן,
ווען איר מוזט אין אונטערגאַנג זיך אַריינקלייבן.
איר האָט דאָך אַלע איין געשטאַלט —
ווען ס׳קומט די צייט פֿון אייער פֿאַרדינטער איינזאַמלונג.

פֿאַרשאָלטן זיי, דו, וויסטער וואַנדאַל, פֿון בייערישן וואַלד אַרויס.
אַ ליידיק בלאַט זאָלסטו בלייבן
אין פֿאַרצייכן פֿון מאָרגנדיקע דורות.
און געליימט זאָל מיין יעדער טראַט ווערן
ווען איך וועל דיין פֿאַרשאָלטענער ערד באַטרעטן.

דער אַטענטאַט

שטייסט ביים פֿענצטער, ווי אַ מיידל ביים אָוונט־פֿאַל.
דער הימל הענגט שווער און אָנגעלאָדן.
אַ דינער רעגן דריפּעט פֿויל איבער די שויבן.
ס'רעדן די ווענט אין סומנעם שווייגן פֿון אַ שיכּורן באַגין.
פֿון צעצונדענעם וואַנזין אין דיינע אויגן
טויכן אַרויס טאַטע, מאַמע, צעוואָרפֿן אין קיינעמס לאַנד,
און דער בראונינג ווערט וואַך —
אין ציטער פֿון דיינע פֿיבערדיקע פֿינגער.

דיינע זיבעצן יאָר —
ווי אַ נעץ פֿון טויזנטער פֿעדים,
האָט דער נאַכטיקער קאָשמאַר —
צעפּלאָנטערט אין וואַנזין פֿון פּאַריזער גאַסן.
זעפּט בלויז אַ וויג אַ צעברענטע,
אויגן פֿאַרגלעזטע, בערד האַלב־פֿאַרשניטענע,
און דער בראונינג אין פֿיבערדיקע פֿינגער
ציטערט מיט האַס, מיט נקמה —
אין געשפּאַנטקייט פֿון טריגער.

זיבעצן טריט פֿון פֿענצטער ביז דער טיר.
וויפֿל מאָל האָסטו לענג און ברייט פֿון דיל אויסגעמאָסטן ?
אין וויפֿל אייביקייטן האָט דער זייגער דיינע טריט אויסגעטיקט ?
ס'מורמלען די ווענט אין דיינע אָנגעשפּיצטע אויערן :
בלויז זיבעצן טריט פֿון פֿענצטער ביז דער טיר.
און אַריבער דער שוועל ? אַ שפּאַן די ווייט.
דאַן, ווערט שוין פֿלינק דער טראָט
איבער רי דע ליל.

אַ שאָס. אַ וואַקל. מיט אַ האַנט אין דער לופֿט
איז אַ הויפֿן פֿלייש געפֿאַלן.
און דו, אין שטומען ווייטיק פֿון שרעק,
פֿאַרקלעמסט די אויגן אַזש שטערן גייען אויף.
פֿון בלינדקייט אין דיינע אויגן
ווערן די ווענט אין שפּיגלען פֿאַרוואַנדלט,
שטייגסט אין שטומקייט אויף אַלע הייכן אַרויף,
און פֿאַלסט צוריק אין טיפֿסטן נידער
זיך צוריק צו דערקענען.
וויפֿל ווייטיק האָבן וואַנזיניקע נעכט
דיר געשפּאָלטן, דיין געמיט צעלעכערט ?
וויפֿל מאָל האָסטו דעם שריט באַרעכנט
און דיינע זיבעצן יאָר אין אייביקייטן אויסגעציילט ?
אַצינד, פֿאַרשוואונדן זענען אַלע צילן.
נישט געוואָרן זענען אַלע בריקן, וואָס האָסט פֿאַרוואָרפֿן
צווישן דיר און אומצייליקע מעת־לעתן.

ווער נאָך ווי דו, ווייסט דעם גרויל
פֿון ווילדן מעסער־שניט איבער קינדס אומשולד.
ווער נאָך ווי דו, דערקענט זיין גורל,
וואָס האָט אים צו פֿאַרלענדונג אויסגעשטעלט.

ניין. פֿאַרמאַך נישט די אויגן.
שנייד דורך דעם פֿינצטער,
וואָס הויערט אין דיין געוואַגטן טראָט
און טראָג שטאָלץ דיין גורל אין דער וועלט אַרויס.

סיי־ווי

איך ווייס נישט ווער ס׳האָט אַזוי שטאַרק
צו דער ערד מיין שטאָם פֿאַרבונדן
איך זאָל אייביק אַן אָפֿענע וואונד
אין דער וועלט פֿאַרבלייבן.
כ׳בין אויף זיך אַליין —
אַן אומדערטרעגלעכע לאַסט.
אַן אָפּגעריסן בלאַט אין אָטעם פֿון ווינט.
ס׳האָבן ביכער מיך פֿאַר אַ שוואָם געמאַכט
און נעכט מיינע אויגן אויסגעגעסן.
כ׳בין מיד פֿון פֿרעגן,
פֿון וויינען נאָך מידער.
אַלע לענדער, אַלע פֿעלקער —
האָבן שוין צילינדערס טראָגן זיך אויסגעלערנט,
און ווייסע הענטשקעס צו פֿאַרדעקן
אַ מאָדנע רויטקייט וואָס טריפֿט פֿון זייערע פֿינגער.

גאָט. פֿאַרוואַנדל מיך אין אַ דאָרן,
כ׳זאָל אין יעדנס אויגן זיך אַריינשפּיזן.
סיי־ווי ברענט די ערד מיינע טריט.
סיי־ווי שריי איך מיין געבראָך אין הוילן עכאָ אַריין.

סעפּטעמבער 1939

בלינדע בלאַנקען מיר אין דיקן פֿינצטער
מיט קעפּ צו פֿעלדזן־שפּאַלטן געצילט.
מיר בלוטיקן אין לעצטער אומבאַהאָלפֿנקייט
און ווייסן נישט פֿאַרוואָס צו שטאַרבן.

מיט שטילעטן שטייען מיר ווידער
קעגן אייגענער ברוסט אויסגעשטעלט.
צו תּל און פֿאַרוויסטונג שטרעקן ווידער אונדזערע הענט.
און דאָך — מיר קאָנען דעם טויט
פֿאַר דעם ענטגילטיקן זיגער נישט קרוינען.

דער הימל איז שוין מער נישט קיין דאַך איבער ערד.
מיט פֿייער און רויך —
ווען מיר נאָך דיך אויך פֿאַרלענדן.
לאָז דעם הימל אַראָפּ.
דעק אונדז אַלעמען צו.
פֿאַרוואַנדל אונדז אין וואַסער־טראָפּנס,
וואָס ווערן אויף שפּיציקער גרינקייט פֿון גראָז געפֿאַנגען,
וועט אַ זון־שטראַל זיך אין אונדז פֿאַרטשעפּען
און מיט גאָלדענעם גלימער אין אונדז צעפֿינקלען

BLACK OUT

נאַכט. אויסגעליידיקטע גאַסן.
בלינדע פֿונאַרן ציען זיך אין פֿינצטער אויס.
הייזער רוקן זיך נענטער צוזאַמען.
פֿון וואָלקן־קראַצער גלאָזן ווילד אַרויס די שויבן.
און פֿינצטער מערט פּחד אויף יעדן שריט.

מענטשן, שאָטנס איבער ווענט
שלייכן אין טונעלן, אין היילן אַרונטער.
זעסט נישט קיין פּנים, קיין אויג,
קיין האַנט צומאָל —
אין לאַנגער שאָטן־פּראָצעסיע
איז די נאַכט פֿאַרוואַנדלט.
אַיעדער איז צוריק אויף אַלע פֿיר,
מיט לאַנגע האָר, מיט טיגער־פֿעל באַהאַנגען.
בלויז דולער עכאָ פֿון פֿוס־טריט
לאָזט דיר וויסן, אַז דער שאָטן געהערט
אין אייגענער סטאַדע מיט דיר.

איך שטיי ביים ראָג, זע —
אַט־ערשט איז דאָ אַ מילך־וועג געווען,
טיימס־סקווער האָט דאָס לאַנד געהייסן.
דער טאָג דאָ איז קיינמאָל נישט אונטערגעגאַנגען.
די זון איז דאָ קיינמאָל נישט געשטאָרבן.

והיה באחרית הימים

און ס׳וועט זיין אין סוף פֿון די טעג —
וועט טליען דער לעצטער פֿונק
פֿון פֿייער אָפּגעצונדענער ערד,
און קיינער וועט נישט וויסן דעם באַשייד,
אַז אייזן האָט מען אַן אַקער גערופֿן.

און ס׳וועט זיין אין סוף פֿון די טעג —
וועט וואָרעם די ערד פֿון בלוט ווערן.
מיט זשאַווער וועט שווערד זיין צעפֿרעסן.
ווייל ס׳איז קיין האַנט נישט געבליבן
מיט שווערד קעגן זון זיך פֿאַרמעסטן.

און ס׳וועט זיין אין סוף פֿון די טעג —
ווען ליידיק וועט זיין איעדע פֿלאַנץ.
און פֿאַרשווינדן וועט דער —
וואָס דאַרף דעם לעצטן באַוויינען,
וועט פֿרידן און רו —
איבער גאָרער וועלט זיך צעשאַלטן.

והיה באחרית הימים —
און ס׳וועט זיין אין סוף פֿון די טעג.

פון דער נאַכט אַרויס

א

פון טיפן פינצטער

ווער וועט קומען אין אַזאַ נאַכט
אונדז אָנזאָגן, אַז דו ביסט דאָ ?
דער הימל שטראָמט מיט רעגן, מיט בליי.
ס׳פֿאַלןביימער, ס׳פֿאַלן הייזער, ס׳פֿאַלן מענטשן,
און איך שטיי געליימט אין מיט פֿון חורבן,
ליפּן פֿאַרטייעט, צונג פֿאַרשטאַרט,
און אויגן, וואָס שפּאַרן פֿון קאָפּ אַרויס.

איך רוף צו דיר פֿון טיפֿער נאַכט אַרויס:
באַגער מיר דעם ווילן צו האָפֿן צו דיר.
גיב מיר דעם כּוח דאָס וואָרט צו זאָגן,
וואָס זאָל דעם נאַכטיקן שטורעם איבערדויערן.

אויב וואָרט איז מיר נישט באַשערט,
שענק מיר כאָטש קלאַנג —
איך זאָל מיין אַליינקייט איבערטראָגן
איבער דעם טיפֿן פֿינצטער אין מיר,
איבער דעם טיפֿן פֿינצטער אין מיר.

3

אַמע פֿון בית לחם

ריבער נעפּל פֿון טעג.
אַריבער חושך פֿון נאַכט,
וף איך צו דיר —
אַז מיך די שטילקייט צערייסן.
י שטילקייט פֿון ליידיקייט,
י שטילקייט פֿון טויט.
טויט איז שטיל.
טילקייט איז טויט.
, מיין פֿאָלק, ווי שטיל דו ביסט.

האָסט געוואַכט איבער אונדז אין טעג פֿון צאָרן,
אָסט נישט גערוט אין נעכט פֿון שאָטן־טויט איבער אונדז,
מאַמע פֿון בית-לחם, מי זיך פֿאַר אונדז.

אָבן מיר צו באַרג-שפּיצן געקלעטערט,
אָט דער שונא די בערג אונטערגעגראָבן.
האָבן מיר זיך אין טאָלן פֿאַרקליבן,
ענען אַלע בערג אויף אונדז געפֿאַלן.
ער צאָרן האָט שוין באַלד די האָפֿענונג צעריסן.
מאַמע פֿון בית לחם —
אין נאַכט פֿון גרויסן אומגליק
קער מיך מיט ליידיקייט נישט אַוועק.

ג.
די נאַכט דערציילט

וואָס דערציילט דיר די נאַכט
ד׳אַכטער פֿון יידן-לאַנד ?
ס׳איז דער הימל דער אייגענער
וואָס נעכטן און אייערנעכטן
און אַלע נעכט וואָס זענען נישט געזעטיקטע
אין דיין חלום אַוועקגעקומען.

די נאַכט דערציילט פֿון גרויסן אומגליק.
פֿון יידן וואָס דער שונא האָט צו ביימער צוגעהאַפֿטן.
פֿון טרערן וואָס גראָזן זאַמלען איבער גאָרער ערד צונויף.
און שפּאַנען די זון אין יעדן טראָפּן איין
ביים ערשטן אָנזאָג פֿון באַגין.

די נאַכט דערציילט פֿון גרויסן צאָרן —
וואָס דער תּליון האָט איבער אַלע שאָסייען צעלייגט,
פֿון קול, וואָס קאָן נישט דערשטיקט ווערן
אין לעצטן קלאַנג פֿון שמע —
גאָט, האָסט אַלע ליכטער אויסגעלאָשן,
אַלע שטערן אויסגעבלאָזן,
וואָס האָסטו מיך געלאָזט אַליין אין אַזאַ נאַכט ?

איך פֿרעג נישט דיין רעכט.
איך מאָן נישט ביי דיר פֿאַרוואָס.
איך בעט בלויז ביי דיר —
לאָז מיך אויך זיין איינער פֿון די
אויף וועמען דו האָסט דעם תּליונס האַנט דערהויבן
איך זאָל אַ געלייטערטער צו דיר דערגרייכן.

ד

אַ דענקמאָל

אַ קינד פֿון וואַנדער־פֿאָלק בין איך,
און וואַנדער מיט ווינט, מיט שטורעם.
פֿון שׂונאס גיפֿט און צאָרן
בין איך אַ דענקמאָל געוואָרן.
האָב איך אַ האַרץ געהאַט —
אַ האַרץ, וואָס האָט געבלוטיקט
פֿאַר מינדסטן פֿינגער־שטאָך,
האָט דער שׂונא מיין האַרץ
פֿאַר זיין ציל־ברעט געמאַכט.

פֿאַרוואָר, ס'האָט דער שׂונא אַ פֿאַרשטעלטער
אין אייגענע אַרומען זיך אַריינגעריסן,
דאָס פֿאָלק איז זיך אַליין פֿרעמד געוואָרן.
איעדער באַרטן איז פֿון שׂונאס פֿייער
שוין באַלד פֿאַרצערט,
און זיין סאַמיקע פֿייל צילט
אין מיטן האַרץ אַריין.

מאַך שוין צו מיינע אויגן אין אַזאַ מוראדיקער נאַכט.

ה

צום נביא

שטייסט איבער מיר — אַ בוים אַ צעצווייגטער.
דיינע אויגן — צוויי פֿייער שטראָמען
פֿלאַמען איבער מיין געזיכט אַריבער
איך דערמאָן זיך דיין געשטאַלט.

נאָך זענען דיינע פֿאַלעס מיט ווינט פֿאַרריסן.
ס׳רוט נאָך דער יאָך אויף דיין האַלדז
מיט צעשאַבערטן טאָפּ אין דיינע הענט.
איך בעט זיך ביי דיר —
שטיי מיר ביי, אין מיין צעבראָכענעם איצט.

פֿאַרוואָר, דאָס פֿאָלק — אַ בוים נאָך אַ שׂרפֿה.
נאַקעטע הענגען די צווייגן,
די וואָרצלען באַלד אונטערשניטן.
לאָז מיך נישט אָן האָפֿענונג אַצינד.
שענק מיר דיין וואָרט.
נעם דיין פֿינגער פֿון פּנים אַוועק.
לאָז כאָטש ווערטער ווי פֿיילן פֿאַלן —

איך וואָלט מיט דיר צום טעפּער גיין,
האָט דער שׂונא אים נעכטן מיט קוילן צעלעכערט.
דער שטורעם פֿון צפֿון איז שוין געקומען.
פֿאַרוואָר, לערע שאָלן אין ווינט זענען מיר אַצינד.

ביסט געווען פֿאַר אונדז אַ ליכט־טורעם.
האָסט געוואָרנט קעגן קריעס, פֿעלזן.
נאָר מיר זענען טויב געווען,
זענען מיר ליידיק און הויל געבליבן.
מיר זענען געשלאָגן מיט ביטער פֿון אייגעוויייניק
און געפּייניקט מיט פֿייער פֿון דרויסן.

אַפֿילו איך.

צו זיך אין דער שטיל

גיי. ברענג אַ בויגן פּאַרמעט
און פֿאַרשרייב דיין דור.
פֿאַרשרייב אויף גיך —
איידער די זון גייט אונטער.

זע, ס׳ציטערט שוין די ערד.
דער הימל נידערט מיט פֿאַרלענדונג.
פֿייערן ברענען איבער אַלע עקן.
נישט פֿרעג —
ווער וועט ראַטעווען ?
נישט פֿרעג —
ווער וועט אַנטרונען ?

גיי שנעל —
ברענג אַ בויגן פּאַרמעט
און פֿאַרצייכן דיין דור.
אייל ווי אַ הינד —
איידער די זון גייט אונטער.
איידער די זון גייט אונטער.

אָן דיר

און ווייל דו דאַרפֿסט מיך נישט,
און ווייל דו קענסט די וועלט דערווייזן
אָן מיין לויב, אַפֿילו אָן מיין געלעסטער,
דאַרף איך אָבער דיר.

וואָס בין איך אָן דיר ?
אַפֿילו נישט קיין שאָטן פֿון אַ קאָליר.

איך ווייס קלאָר און גענוי —
ווען אַלע דיינע לויבער און לעסטערער
וואָלטן אין דיין שאָטן איינגעזאַמלט געוואָרן,
וועט אַלץ דיין הימל בלייבן. וועט אַלץ
דיין ערד גרינען און וויאַנען
אין אומענדלעכן עשאַלאָן פֿון סעזאָנען.
איך האָב קיינמאָל נישט געמאָנט, געפֿרעגט,
צי איז רעכט. צי איז אַ גרייז,
די טאַט. יענע פּאַסירונג.

וואָס בין איך אָן דיר ?
אַפֿילו נישט קיין שאָטן פֿון אַ קאָליר.

דעריבער איז מיין שטילקייט רייד.
מיינע רייד נול אין צאָל.
איך שפּאָר דיך באַנעמען.
איך שפּאָר דיך באַזינגען
איך בין דאָך אַלץ מיט דיר.

וואָס בין איך אָן דיר ?
אַפֿילו נישט קיין שאָטן פֿון אַ קאָליר.

ר י נ ה

מיין טאָכטער רינה׳ן

ר י נ ה

א

דיין אַנקום האָט מיין אָוונט־לאַנד אויפֿגעטאָגט.
איך בין נישט קיין צאַרט געמאָסטענער פֿערז, —
אַ בונט צעפֿלאַקערט שטרוי אין פֿייער־קאָליר.
ווערטער בריען נישט דערזאָגטע —
און אין שטום געצאַמטער שטילקייט
שיק איך מיין גרוס צו דיר —
מיין צעלויכטענעם ווידערשיין.

כ'זינג מיין ליבשאַפֿט צו דיר, פּיאַניסימאָ.
אין וואַנטיקן באַזונדער פֿון מיליקער וויט
ווערסטו דער שטייגנדיקער לייט־מאָטיוו,
דער קלאָרסטער מעטאַפֿאָר פֿון מיין צעוויטיקט ליד.
אַפּריל קומט דיך מיט יערלעכן וואונדער גריסן
און איך נידער מיט פֿרייד אין טאַטעשן אונטערגיין.

ב

כ׳בין פֿאַרבונדן מיט דיר,
ווי וואַלד מיט בוים —
ווי גראָז מיט ווייכער, וואַרעמער ערד.

דו ביסט געגאָפּלט צו מיר,
ווי טוי מיט פֿעלד און בייט —
ווי צווייט מיט פֿלאַנץ און פֿרוכט.

איז דערווייל מיר גאָרנישט געבליבן,
אויסער חלום ווי דו זאָלסט זיין.
איך שטעל אות צו אות אין ריי
און זע דיך אין לידער אויפֿגיין.

און איך ליב דיך, ווי איך ליב די וועלט,
דעם בוים, דעם צווייט
און אויך דאָס בלאַט וואָס געלט.
איך דערקען זיך אין דיר.
און קום ווידער אויף אין דיר.

ג

מיר שפּאַצירן זאַלבענאַנד.
דו, בלויז זיבן אין עלטער,
איך, מיט דרײַסיק מער.
איך שפּרײַז נאָך דײַנע דריבנע טריט,
און שטוין פֿון שטענדיקן מאָרגן
אין דײַנע אָפּן, ברוינע אויגן.

— גאָט האַלט די זון אין די אויגן,
לאָזט ער די וויעס אַראָפּ —
ווערט נאַכט איבער גאַנצער ערד.

רינה, ערשטער שטראַל פֿון עלטער אָפּשײַן,
ביסט מיט חלום פֿאַר מיר אויפֿגעקומען,
קלעטערסט מיט אויגן פֿולער גאַפֿונג
צום הויכן שטײַגן פֿון באַבלעטערטן בוים.

זע נאָר, טאַטע, ווי ריזיק הויך פּאַלמען
מוזן שטײַגן אַ בלעטער־קרוין צו גרײכן.

אין חלום־לאַנד פֿון קינד
איז די וועלט שטענדיקער פֿרילינג,
וואוהין דער טאַטע גייט מיט פֿרייד צוריק.

ד

ערב פֿרילינג.

דרויסן שלאָגט מיט בעז און יאַסמין.
פֿאַר מיין פֿענצטער וועלן באַלד קנאָספּן פּלאַצן.
ביימער וועלן מיט גאָלד, מיט גרין זיך צערוישן
און דו וועסט זיך צעפּענען מיט אַכטן פֿרילינג איבער מיר.

ס׳גרינט נאָך מיט ערשטן אור־געשריי אין מיר,
ווען דו האָסט מיט יינגסטן געווין מיין ראַנג —
פֿון אויסגעצערטלטן זון
אויף ברייטע אַקסלען פֿון טאַטן געביטן.

אַרום דיין הויז זענען שוין העליאָטראָפּן אין פֿולן בלי,
די הוידע אונטער דיינע פֿענצטער צעוויגט —
אַ פֿרעמדע גאַס אונטער נאָך אַ פֿרעמדערן הימל,
און איך, אין מייליקן צעשייד, אין וויטן באַזונדער,
וואַרט אויף לעצטן ראַנג פֿון פֿאָטער זיך פֿאַרוואַנדלען.

ווי אַזוי איז דאָס געשען ? ווען איז אַלץ פּאַסירט ?
איך ווייס נאָר בלויז, דיך צו זען
לאָז איך זיך אין חלום־לאַנד אַוועק.
איך ווייס נאָר בלויז —
ביסט מיט געזאַנג פֿאַר מיר אויפֿגעקומען
און איך פֿאַרגיי מיט געזאַנג צו דיר.

ה

אַ פּאַרק. אַ טייך. אַ שיפל און מיר באַנאַנד.
די וועלט איז אומגעהייער, גרעסער נאָך ווי גרויס.
שטענדיקער געבוירן שטראָמט פון דיינע אויגן אַרויס
און איך שטוין אין וואונדער פון אַלע דיינע פאַרוואָסן.

— פאַרוואָס האָט דער הימל איין זון בלויז
און דער טייך מיליאָסן מער ?
דער טאַטע אין מיר טייעט ווערטער אויף די ליפּן
און דער דיכטער ווערט מיט נישט־דערזאָגטקייט שטיל.

זאָל איך אַצינד אין פערזן דיין וואונדער אויסזינגען
און דורך ליד דיך אין חלום פאַרוואַנדלען ?
ביסטו די קלאָרקייט, ווען אומענדלעכקייט ווערט אויף
פינטל פון בליק געפאַנגען. ביסטו דאָס האַרץ, וואָס
רעדט, און דער זין וואָס רוט אין געפלעפּ פון אויס וואָרט.

DADDY, WHY DO BIRDS FLY ? —
BECAUSE THERE ARE NO SIDEWALKS IN THE SKY ?

אין פלוס פֿון דיינע מאָרגנס וועסטו אַליין
אַלע דיינע פֿאַרוואָסן פֿאַרענטפֿערן.
איך, אין מיין אויפֿגעטאָגטן אָוונט
קאָן בלויז אין אומענדלעכן פֿרילינג דיך זען.
איך קאָן נישט. איך טאָר נישט, פֿאַר טאָג דיך אַנטפּלעקן.
נאָר קוקן אויף דיר, מיט נישט קיין צייכן,
מיט נישט קיין וואָרט, דיך פֿון חלום אַרויסנעמען.

ווען איך וועל דיר אַלע קלאָרקייטן דערגעבן
וועט מיין טאָג שוין זיין נאָענט נאַכט.
די זון וועט מיט מאָרגן נאָך אַלץ דיין
דיין הימל באַגילטן, און פֿון באַלד, באַלד וואַך
וועסטו דאַן דיינע מיידלשע אויגן אויפֿמאַכן,
און דער וואונדער פֿון טאַטן וועט —
אין גרייז פֿון פֿאָטער זיין אַריינגעלעבט.

און זינגען וועל איך דאַן, דאָס אָוונט־ליד
פֿון מיין אויסגעגאַנגענער קינדהייט.
און זינגען וועל איך דאַן —
דעם בלויען וואונדער פֿון דיין גריסנדיקער יוגנט.

אַ חנוכּה מעשה

קום, זעץ זיך דאָ אין דער שטול,
אַכט־יאָריק לעב־לינג מיינער.
צייט איז שוין אין אַזאַ נאַכט
דיר אַ מעשה דערציילן.

די מעשה איז אַלט, אַלט ווי יאָרן קענען זיין.
אַלט, ווי דיינע אַכט־יאָריקע אויגן קענען זיין.
און אַלט, ווי אונדזערע זיידעס וועמען דו האָסט
קיינמאָל נישט געזען. געהערט. דעריבער,
קוק אין די ליכטלעך אַריין. די פֿייערלעך
וועלן דיר דערציילן. און דיינע אויגן וועלן זען.

פֿון די פֿייערלעך בין איך אַרויס אומצייליקע מאָל.
איך בין איינער פֿון יענע זיידעס, וואָס קוקן
פֿון די טרערנדיקע ליכטלעך אַרויס.
נאָר דאָן, האָט דאָס אָרט מודעין געהייסן.

— וואו איז מודעין ? זייער נאָענט.
קוק בלויז אין די פֿייערלעך און הער. און הער.

מיר צינדן די ליכטלעך אין ווינטערדיקע שויבן.
דעם בייסיקן פֿראָסט פֿון דרויסן אָנצוואָרעמען.
אַזויפֿיל פֿייערן ברענען אין אונדז, אַז מיר
קענען שיעור די ימים אויסטריקענען.
און דו, וואָס קוקט מיט אויגן ברוינע
מיט קינדישן אומשולד אין בליק,
באַנעמסט נישט דעם וואונדער
פֿון אונדזער געשיכטלעכן נס.

— וואו איז נס ? זייער נאָענט.
קוק בלויז אין די פֿייערלעך און הער. און הער.

אין אָט־די פֿייערלעך בין איך געווען.
אויפֿגעגאַנגען. אומגעקומען. געלעבט.
געשטאָרבן. און ווידער אויפֿגעלעבט.
אונטערגעגאַנגען. און ווידער פֿאַרברענט געוואָרן.
דערנאָך האָט דער ווינט דאָס אַש
פֿון ווייטסטע עקן צונויפֿגעקליבן,
רעגן האָט דאָס אַש מיט ערד אויסגעמישט
און איך בין ליים געוואָרן.
די זון האָט מיט וואַרעמקייט זיך צעשפּרייט
און איך בין גוף געוואָרן.
גלויבן האָט ווידער מיך מיט לעבן צעאָטעמט
און בין ווידער מיט נס אויפֿגעקומען.

— וואו איז גלויבן ? זייער נאָענט.
קוק בלויז אין די פֿייערלעך און וועסט זען. און וועסט זען.

זאָל איך אַצינד דיר דערציילן
די פּאַסירונג אַנטיוכוס עפּיטאַנוס ?
וועסטו דאָך ווידער קוקן מיט שטוין און אומשולד
ווי איך וואָלט אַ נישט־דאַאיקער געווען.
ווי קאָן דען אַנדערש זיין ?
דו ביסט דאָך פֿאָרט די טאָכטער
פֿון אומבאַזיגטן מאַקאַבייער.

געשטאַלטן

צו דיר —

לערן מיך די שפּראַך פֿון שוויגן —
די צונג האָט שפּראַך פֿון ווערטער פֿאַרראַטן.
פּאַפּיר איז דער פען דערווידער.
פֿון יעדן טינט שלאָגט מיט פֿינצטער,
און די שפּראַכן, וואָס איך קען —
דערגיט נישט דאָס איינציקע וואָרט אַרויסצוזאָגן.

איך ראַנגל זיך מיט געוויטער פֿון ווערטער,
וואָס האָבן לאַנג זיך איבערגעלעבט.
ס׳שטילט אַ לערקייט אין מיר —
ווי פֿון כּלים אין אַ הונגעריק הויז.
די נאַכט בייטלט אויס אַלע קאַשמאַרן צו מיין קאָפּ
און איך שטאַרב אויס דאָס לעבן חלומווייז.

ווער ס׳האָט זיין מויל מיט שוויגן נישט געפּאַנצערט,
וועט צו קילן פֿייער פֿון וואָרט נישט דערגיין.
ווער ס׳האָט אייגענעם פֿרילינג שטאַרבן נישט געזען
קאָן צו דינסטן געהער פֿון זיך נישט דערהערן.
אין אַליינזאַם איז שטילקייט לויטער געהער.
אין אַליינזאַם איז טיפֿסטער שלאָף — וואַכסטע וואַך.

און אַלע פֿאַרויסן זענען בלויז כוואַליעס פֿון ים.
אומדערגרייכבאַרער פֿאַרמעסט —
דעם ווייטער פֿון ברעג איינצושלינגען.
ווי דער ים ברענגסטו אַלע פֿאַרויסן
צוריק צום לעצטן אַליין.
בלויז דער האָריזאָנט גייט ווייטער פֿון ים.

האָסט פֿריי געלאָזט דעם צפֿון און מערב ווינט.
דאָס לעבן גייט מיט לאַנגזאַמען סקרוך איבער מיר.
אַצינד שטיי איך פֿאַר דיר פֿון צאַרן אויסגעפּרואווט
פֿון אַ פֿליסיקן קראַטער, אַן אַשיקער סקעלעט.
וואָס קאָן שוין דיין שפּראַך מיר דערציילן ?
וואָס קאָן שוין דיין וואָרט מיר דערגאַנצן ?

ליבעליד

גראַטעס פֿאַר מיין פֿענצטער
שפּאַלטן ליכט דורך מיינע שויבן.
כ׳זע אַ שטאַרבנדיקע זון צערינען
אין גאָלדענע טראָפּנס פֿון אַ צעפּייערטן טייך.
אין אויפֿגעגאַנגענער בענקשאַפֿט —
זיך אַליין אין שטראָמיקע שטראַלן דערקענענ
האָב איך דיך אינגאַנצן פֿאַרלוירן.

כ׳האָב מיין לעבן אויף אַרשינען צעמאָסטן
און אַזויפֿיל אַליינקייט איבער אַלץ צעזייט.
דאָך, האָט דער צער נישט געמינערט —
נישט אויסגעלייזט דעם געראַנגל פֿון פֿאַרבן שימער
אין דיין צאַנקנדיקער זון וואָס קאָן נישט פֿאַרגיין.

איך אַליין בין דער טונקל פֿון אייגענעם שאָטן,
וואָס שפּאַנט מיט נאַכט אַריבער מיינע אַקסלען.
איך אַליין בין די צעשפּאָלטענע פּאַסן ליכט,
וואָס צעבלאָנדן דיין אויפֿגאַנג —
אין בלענדיקע פֿענצטער פֿון אַפּגענאַרטן טאָג.
איך קאָן נישט דערשלאָגן די טיפֿן —
פֿון מיין אייביקער בענקשאַפֿט צו דיר.

איך בין מיד זיך ראַנגלען
אין טויבע טיק-טאַקס פֿון בלינדע ציפֿער־בלעטער.
זיך אויפֿלייזן אין בלאַנקן טוי פֿון אייגענע טרערן,
און מיט גריסנדיקע הענט זיך אַוועקשענקען
צו דיין שטילער, אָוונטיקער רואיקייט,
זינגט די נאַכט צו מיר פֿון דיינע מאָרגנדיקע אויגן אַרויס.

נאָר אומגעריכט איז דער האַרבסט געקומען.
שניי זילבערט די גרויקייט פֿון מיינע שליאַכן.
די זון וואַרעמט שוין ווינטערדיק,
און טריפֿנדיקע אייז־צאַפּנס ריטמען אויס
דעם טרויער־מאַרש פֿון אונדזער שטאַרבנדיקן טאָג.

וועט שוין אַזוי צערינען מיין אַליינקייט
אויף ווייסקייט פֿון שוימיקע כוואַליעס.
זיך אויפֿלייזן אין ים פֿון אומדערבענקטער בענקשאַפֿט.
געזאַנג פֿון ערשט געגאַרטן באַגין
וועט דעם געהער פֿון ביידנס אויערן אַרומנעמען
אין וואונדערלעכן לויטער פֿון אונדזער אויסגעחלומטן בלוי.

דזשענעוויוו

וואָלט איך דיר אין דיכטערישער פֿאַנטאַזיע אויסגעחלומט
וואָלסטו ליבער נישט באַשאַפֿן געוואָרן.
דיך צו דערגאַנצן האָט פערפֿעקציע
אונטערטעניק דעם מייסטער זיך געשטעלט.
איך האַלט מיט דיין ריטמישן טראָט.
ווער לויטער געהער אין ערדישן זיכער,
וואָס זינגט פֿון דיין מיידלש פֿאַרבענקטן ליד.
און דו ווערסט מיך ליב —
אין נאָקטורנישן כּישוף פֿון דיין פֿאַרחלומטן שווייגן.

אין צעשפרייטן גאָלד פֿון נענטערנדיקע פֿאַרנאַכטן
ליכטיקט די זון אין שטענדיקן זומער פֿון דיינע האָר.
אַ חלום האַלט אונדזביידן געבונדן אין שטילן געפֿליסטער
פֿון אונדזערע דורשטיקע ליפּן,
אין וואַכן געפּלאָנטערה פֿון רופֿנדיקע פֿינגער.
ווערטער הערן אויף צו ווערן קלאַנג —
נאָר קוים, קוים, געהערטע, פֿאַרנאַכטיקע מוזיק.

דער דיכטער צעעפֿנט אַלע יאָען פֿון שטילער, שטייגנדיקער,
שיינקייט, שענקט זיך חלומדיק דיין שלאַנקן, צאַרטן אָרעם.
נאָר דער ייד, צעניינט אַלע דיכטערישע יאָען,
ווען ס׳שפּיזט מיינע אויגן פֿון דיין שמייכלענדיקן
דעקאָלט אַ קאַטוילישער מאַדאַליאָן.

אַ צייכענונג

דו ביסט פרוי, ערד און גראַניט.
קענסט נאָכגיביק זיין ווי ערד נאָך רעגן.
איך — חלום, שטערן און ווינט,
וואָס וואַנדערט אין אַ שטענדיקן גאַרנישט.

אַלץ אין דיר, ווי שניי אין אַפּריל.
דיינע אויגן אין שטענדיקן גאַף,
אין בלויען וואונדער פון קינד,
וואָס געפינט אין זאַכן אַן ערנסטן שפּיל.

איך — אַ שטיין אַ פּראָסטער,
וואָס קען זיך צעפינקלען אין שטראַל פון זון
אַ לעצטער טראָפּן טוי —
וואָס וועפּט אויס אין בליק פון זון.

אַזוי דער שפּיגל פון אונדזערע טעג.
איך פאַרליר זיך אין זיך אַליין.
דו — מיילן אויסער מיר
זעסט נישט ווי איך פאַרשווינד.

באַנאַכט, ווען דיין בעט ווערט אַ גילאָטין,
חלום איך די פרוי פון מאַרמאָר געקריצט
און רוף אין איינזאַם, ווי פּלאַטין אויס —
„גאָט. איך שעם זיך וואָס דו האָסט אַ גוף מיר אָנגעטאָן".

דו, פרוי, ערד און גראַניט.
איך — חלום, שטערן און ווינט.

אַ בריוו

באַגין. אַלע דיינע בריוו שוין געלייענט.
מיט צעצונדענע אויגן האָב איך געזוכט
אַ זין אין דיין געצירקלטער שריפֿט.
יעדער אות — אַ נול, קלאָר און אומפֿאַרשטענדלעך,
ווען דו מאָנסט דיין געוויסן ביי מיר,
וואָס איז אַ שטיק גרויליקע נאַכט געוואָרן.

אונדזערע טעג — אַ קרום געשטאַלט אין אַ צעשפּאָלטענעם שפּיגל.
פֿאַר דיר איז דער שפּיגל צו פֿאַרשמינקן, פֿאַררוזשן
אַ דינעם שמייכל, וואָס וויטיקט אויף דיינע ליפּן.
פֿאַר מיר איז דער שפּיגל אין טיפֿן —
פֿון זיך אַריינצוקוקן. נאָר מיין ליד
איז דערגאַנצונג פֿון מיר און דיר.

קום. לאָמיר גיין דאָרט אַהין —
וואו מיר שפּירן די נאַכט פֿאַלן פֿון די דעכער.
אַלץ, וואָס דער טאָג האָט אונדז געבראַכט
האָב איך שוין מער ווי געזען.
צו באַזינגען דעם לענגאויס פֿון אונדזער אוונט־לאַנד
האָב איך זיך צו גאָרנישט, פּלוס נול, דערשלאָגן.

און ליידיק און הויל ביסטו און איך.
אין פֿעלד זיך שטעלן ווי סטראַשידלעס
קאָנען מיר שוין אַפֿילו קיין קראָען נישט שרעקן.
און אין ברייטער וויט פֿון אונדזער אָוונט־לאַנד
ווילסטו איך זאָל וואָגן אַצינד —
מיין גענידערטן קאָפּ אַנטבלויזן ?

זאָל איך וואַגן אַצינד אַ פּנים אַנטאָן, וואָס זאָל
דײַן געשטאַלט צוריק אין אונדזער פֿרימאָרגן פֿאַרוואַנדלען ?
בין איך נישט טריסטאַן, דו נישט איזאָלדע,
וואָס זאָל צו לעצטער אומאַרמונג, שפּאַן פֿון צײַט אַריבעריאָגן.
איך בין פֿאַרכאַפּט אין אומפֿאַרשטענדלעכער קלאַרקייט פֿון ערב־טאָג.
דו, אין דיקן נעפּל פֿון אויסגעטראַכטער פֿרייד.

איך ווייס ס׳איז נאָך אַ סך צײַט פֿאַרבליבן
אונדזערע ווייטן מיט נאָענטקייט צו באַנאָנטן.
נאָר נישט צוליב דעם האָב איך דיך —
צו אונדזער אָוונט־לאַנד געוואָלט דערפֿירן.
די נאַכט צו מיר איז מײַן אייגענער שאָטן,
וואָס צעברייטערט דאָס געהויל פֿון מיר און דיר.

כ׳האָב אונדזער לעבן אויף כעמישער וואָג צעמאָסטן.
יעדן טייל מיט ליכט פֿון אונדזער פֿרימאָרגן צענומען.
זאָל איך וואַגן אַצינד זײַן בראַוו —
און דערזינגען דײַן לעצטן האַרבסט־מאָטיוו ?
ווען איך זאָל קענען אין זיך אַליין אַרײַנדרינגען
און אַלע טיילן אין איין איינס צוזאַמענשטעלן,

וואָס וואָלסטו מיר שוין געהאַט צו שענקען ?
וואָס וואָלט איך געהאַט ביי דיר צו נעמען ?
אין אַטעם־אַפּכאַפּ פֿון צוויי פֿייערן האָב איך דיך באַאייגנט.
דער ערשטער טייל איז אין שרויטן שטויב צעגאַנגען
דער צווייטער, מיט סאַמיקע גאַזן צערונען. און אין מיט
פֿון מיר און דיר טרעט אָקטאָבער אויף קופּער רויטע בלעטער.

וו אַ ל י

זי איז אויף פֿעסטקייט פֿון פֿעלז געשטאַנען.
די זון האָט שנורן גאָלד דורך שמאָלע פֿענצטער
פֿון שיטערע צווייגן געוועבט.
און דער טייך אין מיט פֿון וואַלד און פֿעלז
האָט צו דער זון אַרויפֿגעלאַכט.

זי, אין מיט פֿון זוניקן גרין
אונטער מילדן בלוי און פֿייערדיקן גאָלד,
אין מיט פֿון טייך, בוים, און
אומענדלעכן געבלוי פֿון בערג —
אַ דענקמאָל פֿון ערשטער ליבע אין שטילן,
שלאַפֿן, שאָרך, פֿון שטייגנדיקן, טאָגיקן מורמל,
האָט אַ חלום געשפּרייט איבער שטראָמיקן פֿלוס
פֿון אירע פֿונקען, פֿייערדיקע, ברוינע, יידישע אויגן.

די שטילקייט האָט געהערט דעם שניט פֿון ברויט,
טריף פֿון זאַלץ, און טרונק פֿון וואַסער,
וואָס האָט געקילט אירע זומערדיקע ליפּן.
ווערטער ווערן איבעריק אין אונדזער ביידנשאַפֿט.
בלויז די אויגן פֿרעגן און ענטפֿערן דעם שטילן וואונדער,
וואָס דערגאַנצט דעם חלום פֿון איר און מיר.

אַליין

דער לעצטער

אויפן טויט פון א. קאָראַלניק

ניִשט קראַנק, ניִשט מיד, נאָר אַליין.
מיט שמייכל אויף דינע, אָפענע ליפּן,
מיט בלויען דימענט אין צאַרט־געקניפּטן שניפּס
איז געווען דער גאַנג פון דיינע שטילע טריט.

אין מיט פון יאָ און ניין —
האָט דיין וועג זיך געזיגזאַגט.
אין שטראָם פון ברויזיקער צייט — אַליין,
זענען דיינע פוס־טריט פאַרגאַנגען —
אַ מידער פון זיג, וואָס איז קיין זיג ניִשט געווען.

אַ שפּיל פון שטיינדלעך וואַרפן אין שטילן וואַסער,
זיך אַליין פאַרוויגן אין העלן שוים,
וואָס טויכט־אויף אין רינגען בלויע ביים ברעג.
אַ שפּיל פון רעגנבויגן־פאַרבן,
וואָס צערינען אין ערשטן בלינק
פון גאָלד אין האָריזאָנטן.
מיט דינעם פאָדים אויף נאָך דינערן זייד
האָסטו געשנירלט דעם קלאַנג פון זילבן אין צאַרטן וואָרט.

ניט קיין פֿידלען, ניט קיין אַבאָען
אין דינע אַקאָרדן אויסגעצויגן אין אַנגסט פֿון טעג.
אַ סימפֿאָניע פֿון ווערטער אין דינעם —
צעטייל פֿון פֿליסיקער בענקשאַפֿט אין דער נאַכט.

דאָס וואָרט איז אַ צעפּטער.
דאָס וואָרט איז אַ קרוין.
דאָס וואָרט טוט פֿליגל אָן
און שוועבסט אַרויף, אַרויף, הויך און העכער
אַריבער דער מאָס פֿון געוויינלעכן אויג.

מיט אויגן בלוי און דינעם שמייכל.
מיט קלוגן אויגן־פּראַל פֿון שטענדיקן צווייפֿל
האָסטו דערשפּילט דאָס וואָרט
ביז דינסטן פֿלאַטער פֿון געהער.
דיין טויט איז גרינג, זומערדיק —
אין גרינער פֿאַרב פֿון סאָקראַטיש ווידעראַנאנד.
ליכטיקער לויכט אויף דיין שמייכל
אין מיט פֿון לעבן און טויט
און זינגט דעם הימן צום לעצטן וואָרט אַריסטאָקראַט.

זאַלבענאַנד

מ. מענטשלען

סקאַלא אם זברוטש.
סאַקאַלאַוו אַרום לובלין.
עקן, ווייסט דער גוטער יאַר.
איך, פֿון פוילנס גרויען פֿלאַכלאַנד.
דו, פֿון גאַליציעס באַרגיקער ערד.

ס׳איז שטיל. ס׳איז נאַכט.
גאַסן זענען ליידיק. פֿונאַרן גלאַצן בלינד
אין אומהיים פֿון שאַריענדיקן באַגין.
דו, מיט אויגן פֿולער, בלויער שטילקייט,
מיט ברילן, וואָס זילבערן אויס אַ מילדן בליק.
איך, מיט אויגן ברוינע, גרויסע,
ברען אין צעהעלטן פֿלאַם —
פֿון קינד, מיט יאַרן אַריבערגעוואַקסן.

— קום, לאָמיר זיצן אויף שטיינערנער באַנק
אין אָפֿענעם צעשפּרייט פֿון אויסגעווירעטן בולוואַר.
לאָמיר זיצן זיכער, פֿעסט אין שטילקייט איינגעשטאַרט.
אַרשטייסט, ס׳זענען צווייערליי מענטשן פֿאַראַן:
סאָלאַריער, ווען די נאַכט איז בלויז פֿאַר שלאָף געשענקט,
און לונאַריער, וואָס מוזן טראַכט מיט פֿאַרזיכט שטעלן.

— אַז ס׳וועט ענדלעך טאָג, דער נאַכט אַריבערקומען
וועט אַלץ דער טאָג אונדזערער נישט זיין.
ווידער וועלן מיר זיך צינדן און לעשן
אין חכמה פֿון אויסגעלויטערטן זין.
ווידער וועלן מיר זען ס׳געפֿעכט פֿון זון און לבנה,
און ווידער וועלן מיר מיט פֿאַרזיכט אונדזערע טריט
איבער טויבע טראָטואַרן מעסטן —
ווייסט גענוי דעם זיכער פֿון אונדזער אומפֿאַרמיידלעכקייט.

מיר שטאַמלען אין טראַט צו צאַמען דעם נאַכטיקן אימפּעט.
מיר גייען גערן דעם שטילן אָוונט־שאָטן אַנטקעגן
און מיר זעען זיך אין מאָרגנס פֿון זיך אַליין אויסגעמיטן.
נאָר די נאַכט איז באַשטענדיק אין אונדזער פֿלעגנדיקן טראַט.

אין אימפּעט פֿון מאָטאָרן זעסטו אונדזערע תּפֿילות אַריינגעוועבט.
— מיט שטאָלענע פֿליגל שוועבן מיר שוין וואָלקנס אַריבער.
געאיבט אין אַקראָבאַטיק פֿון אייגענער אומבאַהאָלפֿנקייט
ציען מיר אין טונקל, ווען די זון ברענט אויס די שאָטנס,
וואָס פֿאַרצערן לעצטן קוואַל פֿון אונדזער געוועזענעם דורשט.
אַפֿילו דער ווינט שטילט נישט דאָס טרוקעניש
פֿון אונדזערע מדבר, צעפּאַדערטע ליפּן.

מיר גייען אָפּ מיט נאַכט אויף אונדזערע אַקסלען.
סיגאַרעטן אין די פֿינגער פֿינקלען־אויס אונדזער
שפּאַציר אויף ברייטע אַלייען פֿון לינדן בולוואַרד.
מיר צינדן, לעשן זיך מיט ליכטער פֿון טראַפֿיק.
מיינע אויערן שפּיצן זיך צום קלאַנג פֿון סאונד אַריבער
און דער סאונד פֿאַרהילט אונדזביידן מיט שפּראַך פֿון ים.

אַזוי שפּיגלען מיר זיך אין שאָטנס פֿון ביימער,
און טוליען די נאַכט, וואָס שטראָמט פֿון אונדזערע אויגן אַרויס.
דו מיט שמייכל פֿון אַלץ געזען —
געאייזט מיט אַריסטאָטלס לאָגיק, עדינגטאָנס ציפֿער,
נידערן מיר ביידע אין אַלע אור־היילן פֿון זיגמונט פֿרויד.

מיר שפּאַצירן. חלומען אין פֿולער וואָך.
מיר שפּינען ווערטער אין דינעם געוועב,
אין דינסטע שעהן פֿון פֿאַרכטיקע פֿרימאָרגנס.
מיר זאַפּן זיך אַריין אין דער נאַכט.
און איך הער ס'געזאַנג פֿון אונדזער —
שטענדיק נישט־פֿאַרענדיקט ליד.

אין קאַן

אַ לאַנגע נאַכט האָסטו זיך געראַנגלט
מיט גורל פֿון פֿאַרמאַכטער קאָרט.
האָסט אַלע קאָרטן איבער און איבער טאַשירט,
און אַוועק איז וואַלעט שעל מיט דיין פֿאַרמעג;
נישט געוואָרן איז מיידל פּיק מיט דיין שלאָף,
דער מלך צלם האָט דיין פֿאַרשטאַנד געריבט;
אַצינד ציטערט, צאַפּלט, די טויז האַרץ
אין דיינע פֿיבערדיקע שפּיצן פֿינגער.

פֿון דיינע פֿאַרגלעזטע אויגן
רייסט זיך אַ לעצטער צינד
איבער פֿלאַמענדיקן רויט פֿון לעצטער קאָרט.
נאָך איין צי פֿון פּאַפּיראָס —
אַ לעצטן קוק אין פֿאַררויכערטן סופֿיט;
וואַרפֿסטו ווילד די לעצטע טויז.
דער טיש עכאָט מיט הוילן קלאַפּ,
ווי ס׳וואָלט אַ מענטש זיין האַרץ פֿאַרלוירן.

פֿאַר דיינע אויגן קרויזט זיך אַ שנירל רויך
פֿון אַ לעצט־פֿאַרלאָשענעם סיגאַרעט.
אין די קעשענעס הויכט דער ווינט אויף דיינע פֿינגער.
אַ געבויגענער שלייכסטו פֿענצטער פֿאַרביי,
וואו דער רייץ פֿון פֿאַרשייטע ליכטער
ווייזט דיר פֿאַראַט פֿון דיין אייגן הויז.
האָסט שוין גאָרנישט מער אין קאָן צו שטעלן
דו, וויסטער נאַר —
וואָס ווילסטו נאָך דאָ?

לאָ קונגס פּאָרטרעט

אַ שטאַנד אויף דריי פּיס מיט לייוונט אויף אַ ראַם.
אַ וויג-שטול אונטער אָפֿענעם הימל
מיט אַ זייגער וואָס איז שטום.
מיט פּאַרבן, וואָס גלימערן אין זוניקע פּאַסן, —
גייט אויף דער באַגין איבער דאָרף פֿון לאָ קונג.

ער מאָלט די לעצטע שטריכן פֿון זיך;
אין שטאַרקן אָראַנזש. טיפֿן רויט.
און טונקל ברוין. אין הינטערגרונט —
אַ פֿעלד, וואָס איז אָפֿן, נאַקעט און אַליין.

דער פֿרימאָרגן איז שטיל.
לאָ קונג איז וואַך.
אַ דינער טרויער ווייעט פֿון זיין מילד געזיכט.
ער קוקט אין שפּיגל, וואָס צעלייכט דעם
לעצטן שאָטן פֿון זיין צעאַקערט געשטאַלט.

זיינע פֿינגער פֿיבערן אין געשטייג פֿון פֿאַרבן
אויף לעצטע שטריכן פֿון זיין קאַנווע.
אַ פֿעדער אין הויך פֿון ווינט
זענען אַצינד אַלע אָפּגערייזטע טעג;
וואָס דרייען זיך צוריק אין גאָלדענע רעדער
פֿאַר זיינע חלום, אָפֿענע אויגן.

נאָך איין טראָט פֿאַרב. אַ לעצטן קוק
אין שפּיגל פֿון זיין פֿאַרטיקער קאַנווע;
ער שטעלט אָפּ דעם פּינזל.
קוקט אויף רייכער, רייפֿקייט פֿון זיין זיך פּאָרטרעט.
אַ דין, צופֿרידן, געזעטיקטער שמייכל
צעלייגט זיך מילד אויף זיינע ליפּן.
די זון האָט זיך מיט לאָ קונג צעשמייכלט.
די גאַנצע וועלט האָט זיך צעלאַכט.

נאָר לאָ קונג איז טויט.

דער שטראָז

מיר גייען מיט הירשן־טריט
אַ צעלויכטענעם שטראָז אַנטקעגן.
פֿון אַפּריל ביז אָקטאָבער
איז דער לענגסטער שפּאַן.
מיר מיניען זיך אין שטראַל פֿון פֿייער
דעם רייצנדיקן שאָטן אויסצומיידן.
פֿאַר יעדן גייט דער שטראָז פֿאָרויס.
אַיעדער זעט דעם אָפּשיין פֿון אייגן געשטאַלט;
און אַיעדער האַלט צוריק דעם פֿאָרויסיקן טראָט
דעם לעצטן שריט צו דערוועגן.

נאָר דער זעער, שטעלט מיט קלוגן פֿאָרזיכט
דעם טראָט אויף לעצטן צעלויכט פֿון שטראָז
און מיט שמייכל, מיט עלעגאַנטן פֿאַרנויג
גייט ער מאַיעסטעטיש דעם שטראַל אַריבער.

דו, גייסט בלויז מיט.

אַ ל י י ן

ווייט נאָך האַלבער נאַכט —
ס׳ווייעט מיט שטיל. ס׳ווייעט מיט שלאָף.
אַ שאָטן מיט צעצונדענע אויגן וואַך איך
מיט חלום אין געלויטער פֿון דינע שעהן.
טאַפּאָלן פֿינגערן דער נאַכט אין ענדלאָזער הויך,
און מילדער שום פֿון בלעטער
צעאָטעמט שפּריצן מאָרגן איבער מיר.

אין דינע שעהן פֿון ערב־טאָג
צערינט אונטערשיד פֿון חלום און וואָר.
נאַכט און איך לייזן זיך אויף אין פֿריי פֿון חלום.
שלאָפֿסט. דער חלום אַריבער דיר וואַכט.
ביסט נישט אַליין. ביסט דער פֿון חלום
אַ פֿרעמדער ווערסטו בלויז אין דיין וואָר.

קענסט נישט פֿרעגן ווער דו ביסט.
ווען ביסט וואָר, ווען ביסט אויס.
אַלץ אַרום דיר איז פֿורעמלאָז, פֿאָרמלאָז.
גאָרנישט, וואָס איז האַפּטיק איז דאָ דיין.
ווערסט אויס אין אַלץ, וואָס איז ווייט אַריבער דיר,
און דו ווייסט. און דו ווייסט נישט וואָס.

דער הימל איז העכער פֿון דיין געדאַנק.
באַגין רעדט אַלע שפּראַכן מיטאַמאָל.
ווערסט שטילסטער, דינסטער געהער.
הויבסט אָן דערקענען, הויבסט אָן דערזען,
און געזאַנג אויף שטיל, שטילע טענער
לייזט דיך אויף אין צאַרטן שאָרך פֿון בלעטער.

אינהאַלט:

אַליין

ראָמאַנטיק — — — — — — — — 9
אַלצאיינס — — — — — — — — 10
אַ פּלאָם — — — — — — — — — 11
אַ טאַנץ זאָל — — — — — — — 12
דאָס ליד פון אייביקער שעה — 13
דאָס ליד פון פורעמלאָזן — — 15
שטאָט — — — — — — — — — 17
חבר סטאַכאַנאָוו דערציילט — — 18
מיר — — — — — — — — — 20
אַ חלום — — — — — — — — — 21

פון דער נאַכט אַרויס

נאָוועמבער 1938 — — — — — 29
דער אַטענטאַט — — — — — — 30
סיי־ווי — — — — — — — — 32
סעפּטעמבער — — — — — — 33
בלעק אוט — — — — — — — 34
והיה באחרית הימים — — — 35
פון טיפן פינצטער — — — — 39
מאַמע פון בית לחם — — — — 40
די נאַכט דערציילט — — — — 41
אַ דענקמאָל — — — — — — 42
צום נביא — — — — — — — — — 43
צו זיך אין דער שטיל — — — 44
אָן דיר — — — — — — — — — — 45

רינה

רינה — — — — — — — — — 49
אַ חנוכּה מעשה — — — — — — 55

געשטאַלטן

צו דיר — — — — — — — — 59
ליבע ליד — — — — — — — — 60
דזשענעוויוו — — — — — — — 62
אַ צייכענונג — — — — — — — 63
אַ בריוו — — — — — — — — — 64
וואלי — — — — — — — — — — 68

אַליין

דער לעצטער — — — — — — 69
זאַלבענאַנד — — — — — — — 71
אין קאָן — — — — — — — — — 73
לאָאָ קונגס פּאָרטרעט — — — — 74
דער שטראָז — — — — — — — — 75
אַליין — — — — — — — — — — 76

וועגן אַלע ענינים אין שייכות פֿאַרלאַג „טינט און פֿעדער"
ווענדט זיך צו

GERSHON POMERANTZ
206 Spadina Avenue
TORONTO, ONTARIO
CANADA

M. STEINGART

ALEIN

Published by
"Pen and Ink"
TORONTO, SEPTEMBER, 1950

COPYRIGHT, U.S.A. 1950

Printed in Canada by

Pomer
Publishing & Printing Co.

GERSHON POMERANTZ
Proprietor

206 Spadina Avenue
Toronto 2-B, Ont.

36